# סצענע 5 א'
# Escena 5 A

## מאָטל וויל אַ כּלה
## Motl quiere novia

מאָטל - אוי, אוי, אוי...

בערל - וואָס איז, מײַן זון ?

גיטל - מיר זיצן בײַם טיש און דו עסט נישט.

מאָטל - איך בין נישט הונגעריק, איך וויל נישט עסן.

בערל - וואָס איז מאָטל, עס געפֿעלט דיר נישט דער קוגל וואָס די מאַמע האָט געקאָכט ?

גיטל - אויב דו ווילסט נישט קיין קוגל האָב איך אויך אַ ביסל באָרשטש און אַ ביסל פֿלייש, גרינסן, פֿרוכטן... וואָס ווילסט עסן ?

מאָטל - איך וויל נישט עסן ווײַל איך בין אומעטיק.

גיטל - אומעטיק ? פֿאַרוואָס ביסטו אומעטיק ?

מאָטל - איך בין אומעטיק ווײַל איך טראַכט און טראַכט אַ גאַנצע נאַכט...

בערל - און וואָס טראַכסטו ?

מאָטל - איך בין שוין פֿינף און צוואַנציק יאָר אַלט...
מײַן חבר אברהמל, דער דאָקטער, האָט אַ כּלה, אַן אַרטיסטקע. מײַן פֿרײַנד שײַע-משה, דער אַדוואָקאַט, האָט שוין אַ כּלה, אַ קראַנקן-שוועסטער. מײַן פֿרײַנד וועלוול, דער אינזשעניער, האָט שוין אַ כּלה, אַ לערערין. און איך...

ציווקע - און דו ביסט אַ בוכהאַלטער, אָבער קיין כּלה וועסטו נישט קריגן... ניט קיין סעקרעטאַרשע, ניט קיין פּסיכאָלאָגין...

גיטל - וואָס רעדסטו ציווקע ? פֿאַר וואָס וועט דײַן ברודער קיין כּלה נישט קריגן ?

ציווקע - מאַמע, מאָטל איז אַ בוכהאַלטער. דו ווייסט... אַ גאַנצן טאָג האָט ער צו טאָן מיט נומערן: צוויי הונדערט נײַן און אַכציק, טויזנט דרײַ, זעקס און פֿערציק, זיבן הונדערט פֿיר און דרײַסיק... אָבער פֿון מיידלעך ווייסט ער גאָרנישט !

מאָטל - וואָס הייסט, פֿון מיידלעך ווייס איך גאָרנישט ? פֿון מיידלעך ווייס איך נײַנציק - זעכציק - נײַנציק !

בערל - נײַנציק - זעכציק - נײַנציק איז וויכטיק... אָבער נישט גענוג.

גיטל - בערל, אונדזער טאָכטער איז גערעכט. מאָטל דאַרף וויסן וואָס אַ מיידל האָט ליב, נישט נאָר רעדן וועגן נומערן און ציפֿערן.

ציווקע - און מיט אַזאַ אויסזען, וועט ער קיין כּלה נישט קריגן.

בערל - לאָמיר אַלע טראַכטן ווי אַזוי אים צו העלפֿן...

# טום באַלאַלײַקאַ (ליד) (Canción)

שטייט אַ בחור און ער טראַכט,
טראַכט און טראַכט אַ גאַנצע נאַכט;
וועמען צו נעמען און נישט פֿאַרשעמען,
וועמען צו נעמען און נישט פֿאַרשעמען.

טום-באַלאַ, טום-באַלאַ, טום-באַלאַלײַקאַ,
טום-באַלאַ, טום-באַלא, טום-באַלאַלײַקאַ,
טום-באַלאַלײַקאַ, שפּיל באַלאַלײַ קאַ,
טום-באַלאַלײַקאַ, פֿריילעך זאָל זײַן!

- מיידל, מיידל, כ'וויל בײַ דיר פֿרעגן:
וואָס קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן?
וואָס קען ברענען און נישט אויפֿהערן?
וואָס קען בענקען, וויינען אָן טרערן?

טום-באַלאַ, טום-באַלאַ....

- נאַרישער בחור, וואָס דאַרפֿסטו פֿרעגן,
אַ שטיין קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן;
ליבע קען ברענען און נישט אויפֿהערן,
אַ האַרץ קען בענקען, וויינען אָן טרערן.

טום-באַלאַ, טום-באַלאַ....

Un joven se encuentra preocupado toda la noche, preguntándose con qué chica casarse, sin avergonzar a la otra.
-Señorita, “¿podría decirme, qué es lo que crece sin necesidad de lluvia, qué llora sin lágrimas y qué es lo que arde por siempre?”
- “Joven tontuelo, una piedra puede crecer sin necesidad de que llueva, un corazón puede llorar sin lágrimas y el amor puede arder por siempre”

**TUMBALALAIKA**

SHTEIT A BOJER, UN ER TRAJT,
TRAJT UN TRAJT A GANTSE NAJT,
VEMEN TSU NEMEN,
UN NIT FARSHEMEN,
VEMEN TSU NEMEN UN NIT FARSHEMEN....

TUMBALA, TUMBALA TUMBALALAIKA (2)
TUMBALALAIKA SHPIL BALALAIKA
TUMBALALAIKA FREILAJ ZOL ZAIN.

MEIDL, MEIDL, J’VIL BAI DIR FREGN
VOS KEN VAKSN VAKSN ON REGN,
VOS KEN BRENEN UN NIT OIFHERN
VOS KEN BENKEN, VEINEN ON TRERN. …
TUMBALA…

NARISHER BOJER, VOS DARFSTU FREGN,
A SHTEIN KEN VAKSN, VAKSN ON REGN
LIBE KEN BRENEN UN NIT OIFHERN
A HARTZ KEN BENKEN, VEINEN ON TRERN.
TUMBALA….